# הליכות החיים

וישב - מקץ | שנת תשפ"ה לפ"ק | גליון תע"א

הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א


לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל


**גליון זה נתנדב**

ע"י ידידנו הנדיב הנכבד

**מו"ה ר' אלימלך רעוויץ הי"ו**

לרגל השמחה במעונו בנישואי **בתו הכלה החשובה תחי'**

עב"ג **החתן היקר כמר משה סאלאמאן** נ"ו - **ביום ב' מקץ כ"ב כסלו הבעל"ט** למז"ט בשעטומ"צ

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדם לבנות בית נאמן בישראל בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות


# הרוצה בתשובה

## אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (כח)

### געלט פאר מלמדים פון מעשר

**שאלה: צי איז דאס אויסגעהאלטן צו געבן פאר מלמדים, מגידי שיעורים, וכדומה, חנוכה-געלט פון מעשר?**

**תשובה:** אויב עס איז שווער צו געבן פונעם אייגענעם געלט, צ.ב.ש. מען איז נישט קיין גרויסער בעל פרנסה, קען מען געבן פון מעשר-געלט, ווייל עס איז לצורך מצוה, אז דאס קינד זאל מצליח זיין אין לערנען. דער מציאות איז, אז ווען מען גיט שטיצע פאר די מלמדים, האט דאס א שטארקער תועלת.

דאס זעלבע איז אויך מיט ראש-חודש געלט, אז מען קען געבן פון מעשר, אפילו אויב דער מלמד איז נישט קיין ארעמאן.[1]

### געבן פאר'ן באס-דרייווער פון מעשר

**שאלה: צי מעג מען געבן אויך פאר'ן באס-דרייווער חנוכה-געלט פון מעשר?**

**תשובה:** עס איז א חשוב'ע זאך אויב מען קען געבן אויך פאר'ן באס-דרייווער, אבער מען זאל נישט געבן פון מעשר, אויסער אויב מען ווייסט אז ער איז אן ארעמאן, צ.ב.ש. ער מאכט חתונה קינדער און קען זיך נישט דעקן פון דער פרנסה אליין, וכדומה, וואס דעמאלט קען מען אים געבן פון מעשר-געלט.[2]

### געבן פאר קינדער פון מעשר-געלט

**שאלה: צי קען מען געבן פאר די קינדער חנוכה-געלט פון מעשר?**

**תשובה:** קינדער וואס זיצן און לערנען, אדער זענען מלמדים אדער מגידי שיעורים, קען מען געבן פון מעשר-געלט.

אויב זיי פארדינען געהעריג און לעבן באקוועם, זאל מען נישט געבן פון מעשר-געלט.

### אויב בחורים דארפן אראפנעמען מעשר

**שאלה: בחורים וואס באקומען חנוכה-געלט פון זייער זיידן אדער טאטן, דארפן אראפנעמען דערפון מעשר?**

**תשובה:** אויב זענען זיי שוין בר מצוה, זאלן זיי אראפנעמען מעשר, אבער קינדער דארף מען נישט מחנך זיין אראפצונעמען מעשר.[3]

### געבן פאר א קינד געלט עפעס צו קויפן דערמיט

**שאלה: מיין חתונה-געהאטער זון איז מיר שוין לאנג מרמז, אז ער וויל הילף פון מיר צו קענען קויפן עפעס וואס ער דארף וויכטיג ביי זיך אין שטוב. איך וויל עס אים קויפן דעם חנוכה. מען רעדט פון א זאך וואס וועט קאסטן עטליכע טויזנט דאלער.**

◄

# כי הוא לבדו עשה ועושה ויעשה

לכבוד מכון הליכות החיים, אחדשה"ט,

עס קומט דאך יעצט די ליכטיגע ימי החנוכה, וואס כידוע איז דער יום טוב א זמן פון התחזקות אין אמונה ובטחון.

מען האט אמאל געשריבן אין "הליכות החיים" וואס דער "חזון איש" פלעגט זאגן בעת מען האט אנגעהויבן מער פליען מיט עראפלאנען און מענטשן האבן מורא געהאט צו פליען - אז "עראפלאנען פאלן נישט - מענטשן פאלן", ד.ה. עס איז נישט ריכטיג אז עפעס געשעט צוליב דעם וואס א מענטש טוט אזוי אדער אנדערש, און אויב ער וואלט עס נישט געטון, וואלט געווען אנדערש, נאר פארקערט: ווען עס דארף געשען וואס עס דארף געשען, טוט דער מענטש אזוי און אזוי, כדי עס זאל ארויסקומען וואס עס איז אפגעשריבן געווארן אין הימל אויף דעם מענטש אז עס זאל אזוי געשען.

דער משפיע הרה"ג ר' בערל טויבער שליט"א דערציילט, אז עטליכע יארן צוריק איז געשען אין בני ברק א טראגעדיע ל"ע, ווען גאר א חשוב'ער אינגערמאן האט גענומען זיינע קינדער צום וואסער, און איין קינד האט זיך אריינגעגליטשט אין וואסער, רח"ל. דער טאטע איז אריינגעשפרונגען אים צו ראטעווען. עס איז אים געלונגען אז דאס קינד איז געראטעוועט געווארן, אבער ליידער האט ער פארלוירן זיין אייגן לעבן אין די מים הזדונים.

עס איז געווען גאר א ביטער אומגליק, און ביי דער שבעה האט זיין פרוי תחי' זיך גאר שווער געלאזט טרייסטן. ווער האט דען געהאט די ווערטער צו טרייסטן נאך אזא געשעעניש? דאס האט אזוי אנגעהאלטן ביז'ן פערטן טאג פון דער שבעה, ווען איר ברודער האט באמערקט ווי זי איז אינגאנצן אנדערש געווארן. זי האט באקומען פרישע כוחות צו דערהייבן וואס עס איז ליידער געשען און איז ממש נישט געווען צו דערקענען פון איין טאג אויפ'ן אנדערן.

ער האט פארשטאנען אז עפעס האט געמוזט פאסירן, וואס האט געמאכט אויף איר די פלוצים'דיגע ענדערונג, האט ער איר געפרעגט דערויף, אבער זי האט זיך ארויסגעדרייט פון ענטפערן. שפעטער, סוף טאג, ווען דער עולם איז זיך צעגאנגען, האט ער איר געזאגט אז עס איז

**אין לעיין בגליונות בשעת התפלה וקריאת התורה כמבואר בהפוסקים לאיסור**

**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד
מוה"ר **יעקב** ברא"א **לונגער** הי"ו

לרגל השמחה במעונו בנישואי בתו **הכלה**
**החשובה תחי'** - עב"ג **החתן משה יוסף** ני"ו
בן ידידנו מוה"ר **אלימלך ווייס** הי"ו למז"ט

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו
שיזכה לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצ"ח
מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

**אויב וועל איך אים געבן דאס געלט און ער וועט אראפנעמען מעשר דערפון, וועט ער נישט בלייבן מיט'ן פולן סכום עס צו קענען קויפן. צי דארף ער אראפנעמען מעשר דערפון?**

**תשובה:** דער חיוב אראפצונעמען מעשר איז נאר פון געלט וואס מען קען טון דערמיט וואס מען וויל. אויב קען מען נישט טון דערמיט וואס מען וויל, דארף מען נישט אראפנעמען קיין מעשר.

אין דעם פאל קען מען זאגן פאר'ן זון, "איך גיב דיר דאס געלט נאר צו קויפן דערמיט דאס און דאס", און ווען מען נעמט זיך אויס אזוי, דארף ער נישט אראפנעמען קיין מעשר.[4]

## דער מקור פון חנוכה-געלט און מתנות

**שאלה: דאס געבן חנוכה-געלט אדער מתנות פאר די קינדער און אייניקלעך האט א מקור אין הלכה?**

**תשובה:** געבן חנוכה-געלט האט א מקור. עס ווערט געברענגט אין די פריערדיגע ספרים, און אסאך צדיקים האבן זיך אזוי געפירט.[5]

אויף חנוכה-געשאנקען ווערט נישט געברענגט קיין מקור אין די ספרים.

## פארגעסן צו זאגן גאנץ הלל

**שאלה: א איד כאפט זיך דעם ערשטן טאג חנוכה אז ער האט פארגעסן צו זאגן גאנץ הלל, ער האט אויסגעלאזט "לא לנו" און "אהבתי". צי דארף ער איבערזאגן הלל?**

**תשובה:** אויב מען כאפט זיך באלד נאכ'ן דאווענען, זאל מען איבערזאגן הלל אָן א ברכה[6]. אויב מען כאפט מען זיך אסאך שפעטער, ווען מען האט שוין מסיח דעת געווען פונעם דאווענען, זאל מען איבערזאגן הלל מיט א ברכה.

## אראפנעמען חלה פון "סאוער דאו"

**שאלה: אינעם פריערדיגן גליון, האט מען געשריבן די שיעורים אראפצונעמען חלה רעכענענדיג לויט'ן פונט, ווי עס איז געוועגליך דער סדר ביים באקן חלות אד"ג.**

**וואס איז דער שיעור ווען מען רעכנט לויט גלעזלעך, ווי עס טרעפט בעיקר ווען מען באקט קוכנס, א.ד.ג., וואס די אלע באק-רעצעפטן זענען בדרך-כלל לויט גלעזלעך, נישט לויט'ן פונט?**

**תשובה:** אויב לייגט מען אריין 7 גלעזלעך מעל, דארף מען אראפנעמען חלה אָן א ברכה.

לגבי אראפנעמען חלה מיט א ברכה, ווענדט זיך דאס צי מען שטופט אריין דאס גלעזל און מען שעפט ארויס דערמיט דאס מעל, אדער מען גיסט אריין דאס מעל אין גלעזל, ווי פאלגנד:

אויב שטופט מען אריין דאס גלעזל ארויסצונעמען דאס מעל, דארף מען מאכן א ברכה ווען עס האט 11 גלעזלעך (זע אין הערה).[7]

אויב גיסט מען אריין דאס מעל אין גלעזל, דארף מען אראפנעמען חלה מיט א ברכה ביי 13 גלעזלעך (זע אין הערה).[8]

## דערציילן פאר א מעגליכן שכן אז עס דרייען זיך דארט בעלי-חיים

**שאלה: פאריגע וואך האב איך ארויסשפאצירט פון מיין דירה און געזען ווי א אינגערמאן גייט ארויס פון א דערנעבנדיגע דירה מיט א שמייכל אויפ'ן פנים. דער אינגערמאן, א פרייליכער און פריינטליכער, גיט מיר א זאג אז ער האפט אז ער וועט זיין מיט מיר גוטע שכנים. ער דערציילט, אז באמת האט ער געהאט געטראפן אן אנדער דירה וואס האט אויסגעזען צו זיין א גוטע דירה, אבער זיין פרוי האט עס אפגעזאגט. ער אנטפלעקט מיר "מסיח לפי תומו" די סיבה פארוואס זי האט אפגעזאגט די דירה: ווען זי איז געגאנגען קוקן די דירה, האבן זיך געדרייט קעצלעך דארט נעבן דער דירה. זי איז בטבע א דערשראקענע. דאס אנדערע מאל וואס זי איז געגאנגען קוקן**

אים קלאר אז עפעס איז געשען וואס האט איר פיל לייכטער געמאכט, און ער האט נאכאמאל געבעטן אז זי זאל אים אנטפלעקן וואס עס האט פאסירט.

צוערשט האט זי נישט געוואלט זאגן, טענה'נדיג אז סיי-ווי וועט מען איר נישט גלייבן. ווען ער איז שטארק צוגעשטאנען צו איר, האט זי דערציילט אז נעכטן נאכט האט זיך באוויזן איר מאן צו איר אין חלום און האט איר געזאגט: "היות כ'זע אז דו קענסט זיך נישט בארואיגן, וויל איך דיר זאגן אז דארפסט גארנישט זארגן, ווייל איך בין אויף גאר א גוט ארט אין הימל. עס מיר געווען שווער אראפצוקומען צו דיר, נאר מען האט מיר געגעבן ערלויבעניש דערפאר, כדי כ'זאל דיך קענען מחזק זיין.

"עס שטערט דיר די מנוחה, טראכטנדיג וואס עס איז געשען, און ווי אזוי עס קען זיין אז בשעת איך האב גערעטעוועט דאס קינד, בין איך אליין גאר געשעדיגט געווארן - זאלסטו אבער וויסן, אז עס איז גאר אנדערש ווי דו מיינסט. אין הימל איז געווען אפגעשריבן די פינקטליכע צייט, ווען איך זאל אוועקגיין פון דער וועלט; נאר צוליב די גוטע מעשים וואס איך האב געטון, האט מען מיר געגעבן די זכי' אוועקצוגיין פון דער וועלט בשעת'ן טון א מצוה. ווי עס שטייט פון אריה"ק די גרויסע מדריגות וואס עס איז זוכה דערצו ווער עס גייט אוועק פון דער וועלט בשעת'ן טון א מצוה. איך בין אומגעקומען נישט דורך דעם וואס דאס קינד איז אריינגעפאלן אין וואסער, נאר ווייל עס איז געקומען די צייט אז איך זאל פארלאזן די וועלט, און צוליב די מצוות וואס איך האב געטון האט מען צוגעפירט אז דאס קינד זאל אריינפאלן אין וואסער און איך זאל האבן די זכי' אים צו ראטעווען, און מיט אט-דער מצוה אין האנט איז מיין נשמה ארויף גאר הויך אין הימל."

די פרישע אלמנה האט אויסגעפירט: "דער חלום שטייט מיר פאר די אויגן, און דאס גיט מיר דעם חיזוק. עס האט מיר געגעבן אן אנדער בליק ווי אזוי אנצוקוקן דאס אומגליק, און דערפאר האב איך זיך בארואיגט."

ר' בערל שליט"א פירט אויס: "צי דער חלום איז 'אמת'? א חלום איז עפעס, וואס איינער גלייבט יא און דער אנדערער נישט. דער יסוד, אבער, שטייט אין די ספרים הקדושים, און עס איז ממש דאס פארקערטע ווי עס איז דאס געשפרעך אין גאס ווען עס פאסירט עפעס, ה"י. מיר בלייבן שטעקן אין די דעטאלן, כאילו דאס אדער יענס איז וואס איז גורם אז עס זאל געשען אזוי און אזוי, בעת דער אמת איז פארקערט: עס געשעט וואס עס דארף געשען, און די פרטים ווי אזוי דאס געשעט זענען נאר כדי עס זאל ארויסקומען וואס דער אויבערשטער האט באשטימט אז עס זאל ארויסקומען.

**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד
מוה"ר **אברהם יצחק**
בר"ל **גרינבערג** הי"ו

לרגל השמחה במעונו בנישואי בנו **החתן יעקב נ"י**
עב"ג **הכלה החשובה תחי'** בת ידידנו מוה"ר
**שמעון ישראל שפיטצער** הי"ו למז"ט

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו
שיזכה לרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח
מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

**די דירה, האט זי נאכאמאל געזען דארט די קעצלעך, האט זי זיך נאכגעפרעגט ביי די שכנים, און מען האט איר געזאגט אז יא, די קעצלעך דרייען זיך דארט כסדר. דערפאר האט זי אפגעזאגט די דירה, און יעצט נאך א פאר טעג האבן זיי, ברוך ה', געטראפן אט-די דירה וואס זעט אויס צו זיין גוט און פיין, און דערצו ווי ער זעט, זענען אויך דא גוטע שכנים.**

**די מעשה איז, אז ביי די דירה אין מיין שכנות, וואו ער וויל יעצט קומען וואוינען, דרייען זיך טאקע נישט קיין קעצלעך, אבער עס דרייען זיך דארט אלעמאל סקאָנקס ביינאכט. איך ווייס פונעם פריערדיגן שכן, אז דאס האט זיי ממש נערוועז געמאכט. איז די שאלה, זאל איך דאס זאגן פאר דעם אינגערמאן, אדער נישט, כדי נישט צו שאדן מאכן פאר'ן בעל הדירה?**

**תשובה:** מען זאל אים זאגן אז די דירה האט דעם חסרון, ווייל עס איז שטארק מסתבר, אז אויב עס שטערן זיי קעצלעך, וועט זיי שטערן אויך אז עס זענען דא אנדערע חיות, און דאס איז ווי מען זעט ווי איינער האלט ביים אריינפאלן מיט א שאדן, וואס מען דארף יענעם ראטעווען.[9]

## בעטן די גויטע צו רופן שבת זאגן אז זי גייט אוועק

**שאלה: עס זענען דא היינט פיל עלטערע מענטשן וואס דארפן האבן שמירה און גרייטע הילף פיר-און-צוואנציג שעה אין מעת-לעת, און אזוי איז אויך ביי אונזער מאמען, צו לאנגע, געזונטע יאר. עס מאכט זיך אפט אז די גויטע וויל אוועקגיין און צוריקקומען נאך א שעה-צוויי. אינדערוואכן איז דאס נישט קיין פראבלעם, ווייל זי רופט און זאגט ווען זי גייט אוועק, און אנדערע קומען אהין.**

**די שאלה איז נאר שבת, ווען מען קען זיך נישט אלעמאל געהעריג אפשמועסן. צי מעג מען איר זאגן אז זי זאל רופן צו אונז אין שטוב, אזוי אז ווען דער טעלעפאן קלינגט ווייסט מען אז די גויטע וויל אוועקגיין און מען דארף אהינגיין, אדער הייסט דאס נישט לצורך דעם חולה נאר לצורך די גויטע און ס'איז דא דערביי א שאלה פון "אמירה לעכו"ם"?**

**תשובה:** מען קען אזוי טון, וויבאלד די גויטע האט די אויפגאבע צו זיין מיט'ן עלטערן מענטש אלע שעה'ן פון מעת-לעת, און אויב זי וויל אוועקגיין איז עס פאר איר אייגן געברויך, און "אמירה לעכו"ם" (הייסן די גויטע רופן) פאר'ן געברויך פונעם גוי איז מותר.[10]

אזוי אויך אין א פאל וואס עס איז נישט פאר איר אייגן געברויך, נאר פאר'ן חולה, צ.ב.ש. מען האט מורא אז עס וועט זיך מאכן א שאלה וועגן מעדיצינען צו געבן פאר די מאמע א.ד.ג., קען מען איר זאגן פאראויס אז זי זאל אריבערקומען אין שטוב כאטש מען ווייסט אז זי וועט קומען מיט'ן קאר, וויבאלד עס איז לצורך פון א חולה, וואס עס איז נישטא דערביי דער איסור פון "אמירה לעכו"ם".

**איר קענט אריינשיקן שאלות און הערות צו 4592885mhh@gmail.com**
**אדער דורך לאזן א מעסעדזש אויף 845-276-3170**

1. כן היא ההלכה לאלו הנוהגים ליתן מעות מעשר לכל דבר מצוה שאין עליו חיוב, אף שאין לצורך עניים, דמקרי דבר מצוה להראות הכרת הטוב להמלמד, ועי"ז יטפל במסירות יתירה עם בנו.
2. עי' מקדש ישראל חנוכה סי' ו' מש"כ בזה.
3. דבדבר שאין חיוב גמור אין צריך לחנך. ובחפצים ומתנות שמקבלים אין שום חיוב לעשר לפי ערך שוויים, עי' בספרנו שנה ראשונה ע' רסג.
4. עי' שו"ת תשובות והנהגות ח"ג סי' רפב, ובספרנו שנה ראשונה ע' רסג.
5. עי' מקדש ישראל חנוכה סי' ז. ועי' פסקי תשובות אות תרע, מספר מועד לכל חי.
6. עי' שה"ל ח"ז סי' סב וח"ח סי' נט שיחזור בלא ברכה. ועי' ספר אשי ישראל פרק מא סעיף לו שאם כבר הסיח דעתו צריך לחזור ולברך.
7. עס זענען דא וואס זענען מהדר אז עס זאל זיין 16 גלעזלעך.
8. עס זענען דא וואס זענען מהדר אז עס זאל זיין 18 און א האלב גלעזלעך.
9. ויש בזה חיוב מטעם השבת אבידה להציל את חבירו מהיזקות.
10. כמבואר בסי' שז דמותר לומר לגוי עשה לך בשלך.

ווען מען געדענקט דעם יסוד "כי הוא לבדו עשה ועושה לכל המעשים", לעבט מען בעזר ה' רואיג, מיט א שמחת החיים.

*

נאך א מעשה איבער דעם ענין:

א צייט צוריק, האב איך געטראפן א אינגערמאן וואס ארבעט שווער "על המחי' ועל הכלכלה". ער איז מפרנס א משפחה, ברוך ה', אבער האט נישט אויף קיין איבעריגס. מיר האבן געשמועסט וועגן א געוויסן יונגן מענטש, א גרויסן עושר, און דער אינגערמאן זאגט מיר, אז ער איז א גאר-נאענטער חבר מיט אים און עס גייט כמעט נישט אריבער קיין שטיק צייט וואס ער רעדט נישט מיט אים. ווען יענער האט אנגעהויבן מאכן געשעפטן, האט ער אים געפרעגט אויב ער וויל אריינגיין מיט אים אין א שותפות. ער האט דעמאלט געפילט אז ער איז נישט גרייט יעצט דערפאר, האט ער אים אפגעזאגט.

פרעג איך דעם אינגערמאן, צי היינט ווען ער קוקט צוריק, זעענדיג ווי ווייט יענער האט מצליח געווען, האט ער חרטה וואס ער האט זיך נישט צוגעכאפט צום פארשלאג און אריין מיט יענעם אין א שותפות.

"אוודאי נישט," זאגט ער מיר. "אים איז געווען באשערט דאס עשירות. מיר איז דאס נישט באשערט געווען, האט דער אויבערשטער מיר חונן דעת געווען אים אפצוזאגן דאס שותפות. ווען עס איז באשערט, שיקט דער אויבערשטער צו די וועגן ווי אזוי עס זאל צושטאנד קומען, אָן דעם וואס מען זאל דארפן שטארק זוכן, און אז עס איז נישט באשערט העלפן נישט דערצו קיין שום פעולות."

## נאך דאס אויך?!

לכבוד מכון הליכות החיים,

חנוכה איז א צייט זיך מחזק צו זיין אין בטחון און אמונה, ווי די ספרים הקדושים לערנען אונז. פאלגנד איז א וואונדערליכע מעשה וואס עס האט דערציילט מוה"ר יעקב יוסף בוקסבוים שליט"א, וואס ער האט דאס געהערט פונעם בעל המעשה אליין.

א אינגערמאן איז לעצטנס אדורכגעגאנגען גאר א שווערע תקופה אין פרנסה, אין צוגאב צו נאך שוועריגקייטן, וואס אויסער דער צייט און עגמת-נפש וואס עס האט אים געקאסט, האט עס נאך מער אויסגעטריקנט ביי אים די שפע פון פרנסה, און ער האט זיך ארומגעזען אין א מצב וואס ער איז נישט געווען ביכולת צו דעקן אפילו דעם מינימום.

אין איינעם פון די שווערע טעג, האט זיין קאר זיך צעבראכן. געווענליך וואלט ער נישט געטראכט קיין צוויי מינוט און געגאנגען צום

# ימי הלל והודאה

## אקטועלע הלכות פאר חנוכה

**גליון המוגדל נתנדב**

לזכר נשמת האי גברא יקירא אשר הצטיין בהליכותיו הנעימות עם הבריות, וכל מה שעבר עליו קיבל באמונה שלימה

**הרה"ח ר' אהרן ישי ב"ר יחיאל מיכל ע"ה אונגער**

**במלאת השנה לפטירתו ביום ט"ו כסלו - ת.נ.צ.ב.ה.**

הלימוד של אלפי ישראל יהא לזכרו הבהיר - **ונא ללמוד משניות לעילוי נשמתו**

הונצח ע"י אחיו הנדיב הנכבד **הרה"ח ר' יצחק מאיר הי"ו**

### דער זמן פון צינדן

**א]** דער זמן פון צינדן די חנוכה-ליכט איז תיכף נאכ'ן צאת-הכוכבים, אבער מען קען דאוונען מעריב פאר'ן צינדן, ווייל א זאך וואס איז שטענדיג קומט קודם, און אויך וויבאלד לייענען קריאת שמע ביי מעריב איז א מצות עשה דאורייתא וואס קומט פאר צינדן חנוכה-ליכט וואס איז א מצוה דרבנן.

**ב]** אנגעהויבן פון א האלבע שעה פאר'ן צאת-הכוכבים טאר מען נישט קובע זיין א סעודה, אבער עס איז מותר טועם צו זיין פירות, אדער מזונות נישט מער ווי א "כביצה". נאכ'ן צאת-הכוכבים, ווען עס איז שוין אנגעקומען דער זמן פון צינדן, זאל מען בכלל נישט עסן ביז'ן צינדן.[1]

**ג]** אויב מען האט נישט געצונדן אין דער האלבער שעה נאכ'ן צאת-הכוכבים, קען מען צינדן די גאנצע נאכט ביז'ן עלות-השחר, אבער אויב עס איז שוין שפעט אין דער נאכט דארף מען אויפוועקן א טייל פון די בני-בית אז זיי זאלן זען ווי מען צינדט, כדי עס זאל זיין "פרסומי ניסא"[2]. מען קען צינדן אויך ממש פאר'ן עלות-השחר, כאטש די האלבע שעה נאכ'ן צינדן וועט שוין זיין נאכ'ן עלות השחר.

### הכנה צום צינדן

**ד]** מען דארף ארײנלייגן אזויפיל אויל אז עס זאל קענען ברענען כאטש א האלבע שעה.

**ה]** מען פירט זיך צו טוישן די קנויטן יעדע נאכט (זע דעם טעם אין "כף החיים" [אות עב], וויבאלד יעדע נאכט פון חנוכה איז געווען א פרישע נס, און אויך אלס א זכר צו דער מנורה אין בית המקדש וואו מען האט געטוישט יעדע נאכט די קנויטן פון דער מנורה), אבער דעם איבערגעבליבענעם אויל קען מען לאזן אפילו לכתחלה און עס ניצן די אנדערע נעכט.

**ו]** אויב מען האט אנגעגרייט די ליכט אינמיטן טאג, זאל מען זיכער מאכן פאר'ן צינדן אז עס האט זיך נישט אויסגעגאסן פונעם אויל און עס איז דא גענוג אויל צו צינדן.[3]

**ז]** מען פירט זיך צו וואשן די הענט פאר'ן צינדן צוליב כבוד פון די ברכות און דער מצוה.

### הדלקת נר חנוכה און די ברכות

**ח]** די ערשטע נאכט חנוכה מאכט מען דריי ברכות ביים צינדן, "להדליק נר חנוכה", "שעשה נסים" און "שהחיינו", און די איבעריגע נעכט מאכט מען נאר די ערשטע צוויי ברכות. אויב מען האט פארגעסן צו מאכן שהחיינו, קען מען עס זאגן ביז א האלבע שעה נאכ'ן צינדן[4]. אויב מען האט פארגעסן די ערשטע נאכט, זאל מען עס מאכן די צווייטע נאכט אדער אין די אנדערע נעכט ווען מען דערמאנט זיך. אויב מען דערמאנט זיך די אכטע נאכט שפעטער ווי א האלבע שעה נאכ'ן צינדן, זאל מען פרעגן א שאלה.

1. משנ"ב תרעב, סק"י בשם האחרונים. 2. משנ"ב סקי"א. 3. בן איש חי, וישב. 4. ועי' בשו"ת בצל החכמה (ח"ב סי' נז) שכתב דזהו רק כששכח גם שעשה נסים, אבל אם שכח רק שהחיינו אין לברכו רק כל זמן שלא סיים להדליק כל הנרות, ואם כבר סיים יברך שהחיינו למחרתו. 5. חכמת שלמה סימן תרעא. 6. ביה"ל סימן תרעג בשם שו"ת מהר"י ברונא, וכ"כ בספר מקור חיים. 7. מ"ב סקכ"ז. 8. משנ"ב סימן

בעל-מלאכה פארערכטן דעם קאר, אבער אינעם יעצטיגן מצב האט ער נישט געהאט דאס געלט צו באצאלן דערפאר און איז ארומגעפארן מיט'ן צעבראכענעם קאר. דער מצב איז ביי אים געווען אזוי געדריקט, אז ער האט נישט געוואוסט ווי אזוי זיך ווייטער אן עצה צו געבן.

איין צופרי שטייט ער אויף הערנדיג געשרייען פון די קינדער, אז זיי האבן געזען מייז אדורכלויפן אין הויז. ער האט זיך אומגעקוקט און געזען, אז דאס איז נישט סתם איין מייזל וואס האט בטעות פארבלאנדזשעט אין הויז, נאר דאס גאנצע הויז איז פארפעסטעט מיט מייז. ער האט געטראכט צו זיך, דאס אויך?... דא פרוביר איך זיך האלטן שטארק קעגן די אלע ביז-יעצטיגע שוועריגקייטן ביז יעצט, און מיטאמאל א פרישע צרה! מען האט שנעל גערופן אן עקסטערמינעיטער, א איד. יענער האט באטראכט דעם מצב און געזאגט אז עס איז א טייערע מעשה. ערשט וועט עס קאסטן א גרויסן סכום אויסצוראטן די מייז, און דערנאך וועט מען דארפן צוריקקומען עטליכע מאל צו פארשטאפן די לעכער אז די מייז זאלן נישט צוריקקומען.

עס איז דעם אינגערמאן שווער געווארן אויפ'ן הארצן, און פון גרויס עגמת נפש האט ער זיך גענומען וויינען. דער עקסטערמינעיטער האט זיך געוואונדערט און אים געפרעגט, "וואס וויינסטו, וואס איז געשען דא?" זאגט דער אינגערמאן, "איך וועל דיר זאגן דעם אמת, איך גיי יעצט אריבער אזעלכע שווערע מצבים יעצט, כ'האב נישט קיין דאלער צו דער נשמה. איך האב פרובירט זיך שטארקן און ווייטער אנגיין. היינט צופרי ווען איך בין אויפגעשטאנען, איז מיר געווארן שלעכט פאר די אויגן, און איך האב געטראכט צו מיר, רבוש"ע, דאס אויך? הערנדיג וואס דאס וועט מיר קאסטן, האב איך זיך פשוט מער נישט געקענט באהערשן."

"האסט נישט קיין פרנסה?" פרעגט אים דער עקסטערמינעיטער? ביסט דאך א טויגליכער, געשיקטער און פלייסיגער אינגערמאן, וואס פירט אן א ביזנעס."

דער אינגערמאן האט אים דערציילט וועגן די שוועריגקייטן אין מסחר וואס האבן זיך לעצטנס געמאכט ביי אים. הערנדיג זיין מצב, רופט זיך אן דער עקסטערמינעיטער: "עס פאלט מיר איין א געדאנק. איך בין דאך שוין נישט יונג, און איך האב נישט ווער עס זאל איבערנעמען דעם ביזנעס. עס איז א גאר גוטער ביזנעס מיט אסאך קליענטן, וואס איך האב דערפון אלעמאל שיין פארדינט. איך טראכט, אז דאס וואלט געווען א גוט געשעפט פאר דיר. דו וועסט מיטקומען מיט מיר דורך דער קומענדיגער שטיק צייט. איך וועל דיך אויסלערנען אלעס וואס מען דארף וויסן אין דעם פאך, און מיט דער צייט וועט דער ביזנעס

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת האשה החשובה
**מרת פריווא**
**בת ר' אלי' ע"ה ברוין**
במלאות השלשים לפטירתה ביום ט"ו כסלו ת.נ.צ.ב.ה.
הונצחה ע"י בנה מוקיר זכרו
**מו"ה משה יונה הי"ו**

**ט]** אויב מען כאפט זיך נאכ'ן צינדן אז מען האט געצונדן וויניגער ליכט ווי מען דארף יענע נאכט, זאל מען עס אנצינדן אן א ברכה.

**י]** אויב מען האט בטעות געצונדן מער ליכט ווי מען דארף האט מען יוצא געווען, און מען זאל אויסלעשן די איבעריגע ליכט[5]. מען זאל אבער נישט אויסלעשן דאס ערשטע ליכט.

**יא]** נאכ'ן אנצינדן דאס ערשטע לעמפל, זאל מען אנהייבן זאגן "הנרות הללו", און מען זאל ענדיגן אנצינדן אלע ליכט פאר מען ענדיגט זאגן "הנרות הללו".

**יב]** מען טאר נישט אויסרעדן פאר מען ענדיגט אנצינדן אלע ליכט. בדיעבד, אויב מ'האט אויסגערעדט נאכ'ן אנצינדן איין ליכט, דארף מען נישט איבערמאכן א ברכה.

**יג]** בשעת'ן צינדן, האלט מען דעם "שמש" נאענט צום לעמפל ביז דער פלאם איז שוין גוט אנגעצינדן, אזוי ווי עס איז געווען ביי דער מנורה אין ביהמ"ק[6].

**יד]** מען פירט זיך צו זיצן א האלבע שעה נעבן די אנגעצונדענע חנוכה-ליכט.

### זיך באנוצן מיט די חנוכה-ליכט

**טו]** אויב דער לעקטער אין שטוב איז אויסגעלאשן, איז אסור זיך צו באנוצן מיט דער ליכטיגקייט פון די חנוכה-ליכט, און אויך טאר מען נישט לערנען צו זייער ליכטיגקייט, כדי עס זאל זיין קענטיג אז מען האט עס אנגעצונדן פאר דער מצוה מפרסם צו זיין דעם נס-חנוכה, און אויך אלס זכר צו דער מנורה פון ביהמ"ק, וואס מען האט זיך נישט געטארט באנוצן צו איר ליכטיגקייט.

### אויב די ליכט האבן זיך אויסגעלאשן

**טז]** אויב מען האט אויסגעלאשן די ליכט פריער פון א האלבע שעה נאכ'ן צינדן, דארף מען עס צוריק אנצינדן אָן א ברכה. אויב עס האט זיך אויסגעלאשן פון זיך אליין אדער א קינד האט דאס אויסגעבלאזן, דארף מען עס נישט צוריק אנצינדן, אבער

◄




אריבערגיין צו דיר מיט גוטע באדינגונגען, אזוי אז עס זאל זיך דיר לוינען."

דערציילט דער אינגערמאן: "איך בין שוין אין געשעפט מיט דעם איד, און איך טראכט צוריק: די שווערסטע מינוט וואס איך האב געהאט יענע תקופה איז געווען יענעם צופרי, ווען איך בין אויפגעשטאנען צו דער מכה פון די מייז וואס האבן אריינגעדרונגען צו מיר, טראכטנדיג, דאס קען איך מער נישט! בשעת איך האב זיך געערגערט און געפרעגט, "דאס אויך?!.." האט מען אין הימל געוואוסט אז "דאס" וועט מיר גאר ברענגען די ישועה.

וויפיל מאל מאכט זיך דאס אין לעבן ביי יעדן איינעם, שוועריגקייטן, וואס עס פרעגט זיך, "דאס אויך?..." בעת דער רבוש"ע זאגט צום מענטש: "מיין טייער קינד, אויף דעם קרעכצסטו?... דאס איז דאך די ישועה וואס וועט דיר ברענגען אזויפיל גוטס אין לעבן און וועט דיך ברענגען צום ריכטיגן שלימות, וואס נאר איך ווייס און פארשטיי דאס, און איך קען דיר דאס לעת-עתה נישט אנטפלעקן."

## לי ולכל בני ביתי מזונותי בכבוד

נאך א וואונדערליכע מעשה. עס דערציילט א איד: איך ארבעט אין א פלאץ פאר א שיין וועכנטליך געהאלט שוין אסאך יארן. יעצט איז עס געווארן שווערער מיט'ן ביזנעס, און דער בעל-הבית האט זיך געטראפן אין א מצב, וואס ער האט געמוזט אפזאגן ארבעטער. איין טאג האט ער מיר מודיע געווען אז עס איז נישטא קיין ברירה, ער מוז מיך אפזאגן פון דער ארבעט. ער וועט מיר צאלן ווייטער דאס געהאלט עטליכע וואכן, און דערוויילע זאל איך זוכן עפעס אנדערש.

די בשורה איז מיר באפאלן ווי א בליץ אין העלן טאג. וואס טו איך דא?... איך בין שוין ב"ה אריבער די פופציג. גיי, הייב אן זוכן א נייע באשעפטיגונג אין דעם עלטער. דאס לעבן פארט דערוויילע ווייטער און פאדערט זיינס. ווי גיט מען זיך יעצט אן?!

מיט א שווערע דאגה אין הארץ האב איך געמאכט דעם וועג אהיים פון דער ארבעט, טראכטנדיג צו זיך אז באלד וועל איך אהיימקומען און דארפן דערציילן די זאך אין שטוב. ווי אזוי וועט מען דאס אויפנעמען? אז עס וועט זיך אפרופן שווער, וועט עס פאלן אויף מיר נאך שווערער.

אנקומענדיג, בין איך צוגעגאנגען צום בית המדרש, און עס איז מיר איינגעפאלן א געדאנק: איך וועל אריינגיין אין "היכל התורה", נעמען א "חובת הלבבות" און נאך ספרים וואס רעדן וועגן אמונה און בטחון. אפשר וועלן מיר אריינקומען אין געדאנק די ריכטיגע ווערטער וואס איבערצייגעלן אינדערהיים.

**מדור זה נתנדב**

ע"י ידידנו הנכבד העומד לימיננו לזכות את הרבים
החתן **ישעי' גרויס** הי"ו
בן ידידנו הנדיב הנכבד מוה"ר **חיים יעקב צבי** ני"ו
עב"ג **הכלה החשובה** תחי'
בת ידידנו מוה"ר **פישל ציגלהיים** הי"ו
יהי רצון שיזכה לבנות בית נאמן בישראל ולרוות רוב נחת דקדושה מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

עס איז כדאי אז מען זאל עס יא צוריק אנצינדן אן א ברכה.[7]

**יז]** אויב מען האט אנגעצונדן די מנורה אויף א פלאץ וואו דער ווינט בלאזט און די ליכט האבן זיך אויסגעלאשן, דארף מען עס צוריק אנצינדן. אזוי אויך אויב מען האט נישט גוט אנגעצונדן די ליכט און דער פלאם האט זיך נישט גוט אנגעכאפט אינעם קנויט, דארף מען עס צוריק אנצינדן.

**יח]** אויב מען האט נישט אריינגעלייגט גענוג אויל אז עס זאל קענען ברענען א האלבע שעה, און מען דערמאנט זיך נאכ'ן צינדן, דארף מען אויסלעשן די ליכט און ארייגלייגן גענוג אויל, און דערנאך עס צוריק אנצינדן אָן א ברכה.[8]

## הלכות וואס זענען נוגע פאר פרויען אין חנוכה

**יט]** פרויען צינדן נישט אליין די חנוכה-ליכט, כאטש דער מנהג איז מהדר צו זיין אז יעדער פון דער משפחה צינדט אליין, ווייל ווען דער מאן צינדט ווערט עס גערעכנט אזוי ווי זי וואלט אליין געצונדן (ווייל "אשתו כגופו").

**כ]** אויך מיידלעך צינדן נישט די מנורה, ווייל די תקנה פון חז"ל איז געווען צו צינדן אינדרויסן פון שטוב, און עס איז נישט קיין כבוד אז א מיידל זאל ארויסגיין אינדרויסן וואו עס דרייען זיך מענער, דעריבער איז שוין פארבליבן דער מנהג אז פרויען צינדן נישט די חנוכה-ליכט אפילו היינט וואס מען צינדט אינעווייניג אין שטוב.[9]

### זען ווי מען צינדט

**כא]** כאטש מען איז יוצא מיט'ן צינדן אפילו אויב די בני בית זענען נישט געווען דארט בשעת'ן צינדן (די מצוה איז נאר אז דער בעל הבית זאל צינדן אין שטוב), איז אבער א גרויסער הידור מצוה און פרסום הנס אז אלע בני בית זאלן זיין דארט און זען ווי מען צינדט.

**כב]** אויב די בני בית זענען נישט געווען ביים צינדן, זאלן זיי מהדר זיין צו קוקן אויף די

ארײנקוקנדיג אזוי אין די ספרי בטחון, האב איך געטראכט צו מיר: אויב ווען דאס זיבן-יעריגע קינד מיינע הערן פון מיר אז מען האט מיר אפגעזאגט פון דער ארבעט, וועט ער דען אנהייבן זארגן אז ער האט נישט מער צו עסן? ניין, ער וועט זיך ווייטער שפילן פרייליך, אָן זארג. פארוואס? ווייל ער ווייסט אז ווען ער דארף צו עסן, באקומט ער דאס. נו, דאס איז דער טייטש "בטחון". מען פארזיכערט זיך אינעם אויבערשטן, וואס ער שיקט צו פאר אלע באשעפענישן צו עסן און אלע זייערע באדערפענישן. דער טאטע אין הימל וועט שוין אוודאי זארגן, אז איך זאל האבן וואס איך דארף, און אויב אזוי איז נישטא וואס צו זארגן.

די מחשבה האט מיר אריינגעגעבן א חיזוק, און מיט אט-דעם געשטארקטן געפיל האב איך געמאכט דעם וועג אהיים. ממש פאר'ן אנקומען אין שטוב, קלינגט דער סעלפאן. דער בעל-הבית מעלדט מיר אז איך דארף נישט זארגן. וואס ער האט גערעדט צו מיר איז מער נישט נוגע, **און איך קען אנהאלטן ווייטער דעם דזשאב מיט א רואיגקייט לאורך ימים ושנים טובים**.

אפגעקומען מיט אביסל דאגה און פארדינט בטחון!

יהי רצון אז מיר זאל קענען מקבל זיין די אורות פון די ליכטיגע חנוכה טעג מיט אלע גוטע השפעות.

## ווען מ'איז מוחל איז א שעת רחמים

לכבוד מכון הליכות החיים,

אייער מעשה די וואך (גליון ויצא-וישלח) איבער דעם אז מ'זאל זיכער מאכן צו איבערבעטן ווען מ'האט ווי געטון, האט מיר דערמאנט אין אן ענליכע מעשה וואס איך האב בייגעוואוינט בערך 7 יאר צוריק.

מיר זענען א גרופע פון חבר'טעס וואס פלעגן פארברענגען מערערע זומערס צוזאמען אין קאנטרי. היות מיר ווילן ווייטער אנהאלטן א קשר, נעמען מיר זיך צוזאמען פון צייט צו צייט צו פארברענגען צוזאמען.

ביי איין אזא פארברענגען, חמשה עשר באב, האט איינע פון די חבר'טעס געֿעצה'ט אז מיר זאלן מאכן א ליסטע פון די נעמען פון אונזערע קינדער וואס ווארטן אויף שידוכים. עס איז שוין געווען גאנץ א לאנגע צייט זייט מען האט געהערט א מזל טוב צווישן אונז. מיר האבן געמאכט א זיווגים-צעטל, געגעבן צדקה, און נאך, אבער קיין שידוכים זענען נישט געגאנגען.

זאת חנוכה האט איין חבר'טע צוזאמענגערופן אונז אלע, אז מען זאל אויסזאגן תהילים אין דעם גרויסן טאג וואס איז מסוגל אויף ישועות.

השומר שבת הבן עם הבת לא ירצו

אין הקדמה פונעם ספר 'ויגד יעקב' זאגט ער נאך פונעם פריערדיגן בעלזער רב הרה"ק רבי ישכר דוב זי"ע, אז א מענטש איז נישט יוצא מצות תלמוד תורה נאר אויב ער לערנט אליינס מיט די קינדער.

א גאנצע וואך קען מען דאך נישט אליין לערנען מיט זיי, האט מען דאך נישט קיין ברירה און מ'מוז האבן פאר זיי מלמדים און מגידי שיעורים... אבער ווען ס'קומט שבת קודש און מ'זיצט ביי דער סעודה אינאיינעם מיט די בני המשפחה, **אויב לערנט מען עטליכע הלכות פון הלכות שבת ביי דער סעודה, איז מען אליין מקיים דערמיט די הייליגע מצוה פון 'ולמדתם אותם את בניכם'.**

דאס געט אריין א ווארימקייט אין די קינדער, און איז משפיע פאר דורי דורות ווען זיי שטעלן אויף זייערע אייגענע דורות; עס ברענגט אריין א העכערקייט אין דער סעודה און אין דער גאנצער וואך, און נאר אזוי קען מען היטן דעם שבת ווי ס'דארף צו זיין, און זוכה זיין צו אלע ברכות.

מתוך דרשת הגאון הגדול **רבי יחיאל מיכל שטיינמעטץ שליט"א**
בעל משיב נבונים ודומ"ץ תולדות יעקב יוסף סקווירא ב"פ
ליל שבועות תשפ"ד - בבית המדרש הגדול דשיכון סקווירא

**טויזנטער משפחות לערנען פאַר הלכות שבת ביי סעודות שבת**
**הלכה למעשה**



שוין נאכאמאל דא צו באקומען אין די געשעפטן
**פאר גרעסערע באשטעלונגען פאר א ספעציעלע פרייז** - צוגעשטעלט דורך א חשוב'ער נדבן ביז חנוכה - רופט 845-274-2237

**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד העומד לימיננו
במסירות נאמנה לזכות את הרבים

**מו"ה ר' אברהם מרדכי לאפשינסקי הי"ו**

**לכבוד ימי החנוכה**

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו
שיזכה לאורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד
מתוך הרחבת הדעת ונחת דקדושה תמיד

ליכט - און נאך בעסער איז, אויב זיי קענען הערן די ברכות פון אן אנדערן.[10]

### עסן פאר'ן צינדן

**כג]** פרויען וואס זייערע מענער קומען אהיים שפעט צום צינדן א.ד.ג., און עס איז זיי שווער צו איסווארטן מיט'ן עסן ביז נאכ'ן צינדן, מעגן זיי עסן פאר'ן צינדן.

### טון א מלאכה

**כד]** די פרויען און מיידלעך פירן זיך נישט צו טון קיין מלאכה פון נייען, ביגלען און וואשן וועש ביז א האלבע שעה נאכ'ן צינדן, וויבאלד דער נס חנוכה איז געשען דורך א פרוי. (דער "לבוש" זאגט אז דער טעם פון דעם מנהג איז, כדי מ'זאל נישט מסיח דעת זיין פונעם זכר צום נס חנוכה, און דעריבער מאכט מען די ערשטע האלבע שעה נאכ'ן צינדן אזוי ווי א יום טוב.) זיי מעגן אבער קאכן, באקן, אד"ג.

### א פרוי וואס וואוינט אליין

**כה]** א פרוי וואס וואוינט אליין אין הויז דארף צינדן חנוכה-ליכט, אבער אויב עס איז איר שווער קען זי מאכן א גדול פאר א שליח אז ער זאל צינדן פאר איר, און ער זאל מאכן די ברכה "להדליק נר חנוכה" און זי זאל ענטפערן אמן, און זי קען מאכן אליין די ברכה "שעשה ניסים" און "שהחיינו" (די ערשטע נאכט). לויט טייל פוסקים איז ער נישט יוצא מיט'ן צינדן וויל ער דארף צינדן אין דעם הויז וואו ער וואוינט. דעריבער איז כדאי אז ער זאל צינדן ערשט ביי זיך אינדערהיים און דערנאך פאר איר, אדער זאל ער בפירוש אינזין האבן בשעת'ן צינדן פאר איר אז ער וויל נישט יוצא זיין דערמיט.

### פרויען אין א קימפעטארין-היים

**כו]** א יולדת וואס געפינט זיך אין א קימפעטארין-היים א.ד.ג. איז יוצא מיט איר מאנ'ס צינדן אינדערהיים, אבער וויבאלד עס איז דא אן ענין צו זען די ליכט און אזוי אויך דער ענין פון "פרסומי ניסא", זאל איינע פון די פרויען אינזין האבן אז זי איז נישט יוצא מיט איר מאנ'ס צינדן אינדערהיים, און זי קען צינדן דארט און מאכן די ברכות און מוציא זיין אלע אנדערע פרויען.

### א פרוי וואס געפינט זיך ביי אירע עלטערן

**כז]** אויב דער מאן און די פרוי עסן און שלאפן אין הויז פון אירע עלטערן, און אזוי אויך אויב דער מאן שלאפט אינדערהיים און עסט ביי אירע עלטערן, קען ער צינדן דארט ביי אירע עלטערן, וויל עס איז יעצט אזוי ווי ער וואוינט דארט, אבער אויב ער עסט און שלאפט אינדערהיים און זי שלאפט ביי אירע עלטערן זאל ער צינדן אינדערהיים און זי זאל זען איר טאטנ'ס צינדן און הערן דארט די ברכות.

### וויכטיגע הלכות פון הלל יו"ט חנוכה

**כח]** מען זאגט גאנץ הלל יעדן טאג חנוכה, וויל דער נס איז נתחדש (באנייט) געווארן יעדן טאג באזונדער, און אויך וויל יעדן טאג פון חנוכה צינדט מען אָן אן אנדער צאל ליכט (אזוי ווי סוכות, וואס יעדן טאג איז דא א חילוק אין דער צאל פון די קרבנות וואס מען איז מקריב).

**כט]** עס שטייט אין די ספרים, אז מען דארף זיין זייער געווארנט צו זאגן הלל מיט א שמחה, געלאסן און מיט א נעימות און געזאנג, און בפרט חנוכה, וואס דער גאנצער יו"ט פון חנוכה האט מען מתקן געווען להודות ולהלל, צו לויבן און דאנקען השי"ת.[11]

**ל]** פרויען זענען פטור צו זאגן חנוכה הלל, וויל עס איז א מצוה וואס איז געבונדן צו א באשטימטער צייט, אבער לויט אנדערע פוסקים זענען פרויען יא מחוייב, וויל אויך זיי זענען געווען אינעם נס פון חנוכה, און אפילו לויט די פוסקים וואס האלטן אז זיי זענען פטור מעגן זיי אבער זאגן הלל מיט א ברכה, אבער זיי זאלן זיין געווארנט נישט אויסצולאזן קיין אייןווארט, און אויב זיי האבן אויסגעלאזט א ווארט דארפן זיי צוריק אנהייבן פון דארט און זאגן ווייטער אויפ'ן סדר.

### זאגן הלל שטייענדיג

**לא]** מען דארף זאגן הלל שטייענדיג, וויל עס איז אן עדות אויפ'ן שבח און די נפלאות פון השי"ת, און די מצוה פון עדות דארף זיין שטייענדיג (און אויך וויל עס שטייט "הללו עבדי ה' 'העומדים' בבית ה'" - זעט מען דערפון אז לויבן קומט צו זיין שטייענדיג); און מען זאל זיך נישט אנלענען אויף א זאך אדער אויף דער וואנט אזוי שטארק, אז אויב מען וועט אוועקנעמען די זאך וועט מען אראפפאלן, וויל דאס הייסט אזוי ווי זיצן. בדיעבד, אויב מען האט געזאגט הלל זיצנדיג האט מען יוצא געווען, און אזוי אויך א חולה, אדער אן אלטער און שוואכער מענטש, קען זאגן הלל זיצנדיג.[12]

**לב]** די מצוה פון הלל גייט אן א גאנצן טאג, דאס הייסט, פונעם עלות השחר. לכתחלה זאל מען עס אבער נישט זאגן פאר'ן נץ החמה, וויל דעמאלט זעט נאך אויס ביי מענטשן אזוי ווי נאכט (אויב מען האט נאך נישט געזאגט הלל ביז נאנט צו נאכט זאל מען זאגן אן א ברכה).

**לג]** לכתחלה זאל מען נישט טועם זיין נאך שחרית פאר הלל, וויל הלל האט נאך א שייכות צו שחרית, אבער אויב מען איז שוואך מעג מען טועם זיין.[13]

### אויסרעדן פאר הלל

**לד]** דער שליח-ציבור זאל נישט אויסרעדן פאר הלל פון סתם זאכן וואס האבן נישט קיין שייכות מיט'ן דאוונען, וויל קדיש תתקבל וואס מען זאגט נאך הלל גייט ארויף אויף שמו"ע.

### אויסרעדן אינמיטן הלל

**לה]** מען טאר נישט אויסרעדן אינמיטן הלל, אפילו נישט איין ווארט, און אויך נישט אויף לשון הקודש. בדיעבד, אויב מען האט אויסגערעדט, אפילו אינמיטן א קאפיטל, האט מען יוצא געווען און מען דארף נישט אנפאנגען נאכאמאל הלל. אויב מען האט

◄

איבערצושמועסן די הלכות וואס ווערן געברענגט אינעם גליון, אדער צו איבערלאזן א שאלה קען מען רופן 845-499-5084
אויב קיין ענטפער, ביטע לאזט איבער א מעסעדזש

**הפצת הגליון נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד

**מו"ה ר' הערשל ראזנבערג הי"ו**

**לכבוד ימי החנוכה - בני בינה ימי שמונה קבעו שיר ורננים**

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו שיזכה לרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח
ויה"ר שיזכה להמשיך לזכות הרבים בהרחבת הדעת ולשורר שירה מתוך שמחה עד נזכה לביאת גואלינו במהרה בימינו

אויסגערעדט צווישן דער ברכה און הלל פון עפעס וואס האט נישט קיין שייכות צו הלל, דארף מען נאכאמאל זאגן די ברכה.

**לו]** אויב מען איז געגאנגען אין ביה"כ אינמיטן הלל און מען האט זיך פארזוימט אזוי לאנג ווי עס נעמט צו זאגן דעם גאנצן הלל (שהה כדי לגמור את כולה), איז כדאי אנצופאנגען נאכאמאל פון אנפאנג הלל. (דאס איז נאר אין די טעג וואס מען זאגט גאנץ הלל, ווי למשל חנוכה; אבער ר"ח, אדער די אנדערע טעג פסח, דארף מען נישט מחמיר זיין און מען קען זאגן ווייטער פון דארט וואו מען האלט.)[14]

**לז]** מען דארף זיין געווארנט בשעת דער שליח-ציבור ענדיגט די ברכה "המברך את עמו ישראל בשלום" (ביי שמו"ע פון שחרית) און איז מאריך מיט'ן ווארט "בשלום", אזוי ווי עס איז איינגעפירט פאר הלל, אדער ביים סוף פון מוסף, אז מען זאל נישט ענטפערן אמן ביז ער ענדיגט זאגן דאס ווארט.[15]

## הלכות פון "ועל הניסים"

**לח]** חנוכה זאגט מען "ועל הניסים" ביים דאווענען און ביים בענטשן. ביים דאווענען זאגט מען עס ביי דער ברכה פון "מודים" (וויבאלד מען האט עס מתקן געווען "להודות ולהלל", און נישט אזוי ווי יעלה ויבוא וואס מען זאגט ביי דער ברכה פון "רצה"). מען זאגט "ועל הניסים" מיט א וא"ו, ווייל ס'באציט זיך אויף פריער, וואס מען דאנקט אויף אלע חסדים פון השי"ת.

**לט]** אויב מען האט פארגעסן צו זאגן על הניסים און מען האט זיך דערמאנט נאכ'ן שם פון "הטוב שמך", זאל מען נישט צוריקגיין[16], און מען קען זאגן ביי "אלקי נצור" (פאר'ן צווייטן "יהיו לרצון") "הרחמן הוא יעשה לנו ניסים וכו'" און "בימי מתתיהו".[17]

**מ]** אויב איינער שטייט שמו"ע און ער געדענקט נישט על הניסים אויסנווייניג, קען ער ווינקען פאר איינעם אים צו ברענגען א סידור, און אויב עס איז נישטא ווער עס זאל ברענגען קען מען אליין צוגיין נעמען א סידור.[18]

**מא]** אויב מען דארף וויזן פאר א קינד צו זאגן על הניסים זאל מען אים לכתחלה וויזן פאר שמו"ע און נישט אינמיטן שמו"ע.[19]

**מב]** אויב מען האט זיך טועה געווען און געזאגט על הניסים ביי "רצה", דארף מען עס נאכאמאל איבערזאגן ביי "מודים", אבער אויב מען האט נישט איבערגעזאגט און מען האט שוין געענדיגט האט מען יוצא געווען.[20]

**מג]** ביים בענטשן זאגט מען ועל הניסים פאר "ועל הכל". אויב מען האט פארגעסן און מען האט שוין געזאגט ברוך אתה ה', זאל מען עס נישט זאגן, נאר ווען מען האלט ביי "הרחמן הוא יזכנו" זאל מען זאגן "הרחמן הוא יעשה לנו ניסים וכו'".[21] שבת און ר"ח זאל מען עס זאגן נאכ'ן "הרחמן" פון שבת אדער ר"ח.[22]

דערנאך האט זיך איינע אנגערופען אז אפשר איז דא איינע צווישן אונז וואס איז פארווייטאגט, און דערפאר זענען פארמאכט פאר אונז די טויערן. מיר זענען געגאנגען ארום דעם טיש, און יעדע איינע האט ארויסגעזאגט פון מויל, "איך בין יעדן מוחל."

עס איז שווער צום גלייבן, אבער נאך יענעם חודש האבן זיך גענומען גיין שידוכים! יעדן חודש כאטש איין נייער מזל טוב! מיין זון איז געווארן א חתן חול המועד פסח. ער איז געווען דער 6-טער פון דער ליסטע וואס איז געווארן א חתן! די בעלת-אכסניא וואס האט צוגעשטעלט איר הויז אויף זאת חנוכה - איר זון איז געווען דער 7-טער שידוך! תשרי זענען געווען 2 מזל טוב'ס מיט "שווערע" שידוכים, א יתום און א בחור וואס האט שוין פון לאנג פארלאזט די כותלי הישיבה. איך האב געקלערט צו מיר, אז ביי השי"ת איז גארנישט שווער, נאר אויב עס איז דא א שווער הארץ ביי איין איד אויף א צווייטן!

כסליו זענען מיר געזעסן ביי א חתונה פון איינער פון די קאנטרי-חבר'טעס, און מיר האבן באוואונדערט דעם געוואלדיגן פאקט, אז באלד נאכ'ן ארויסזאגן פון מויל אז מיר זענען מוחל, זענען אזויפיל געהאלפן געווארן. (כאטש מיר זענען נישט געווען צעקריגט, זעט אבער אויס, אז עס זענען יא געווען אנגעווייטאגטע הערצער.)

עס האט אונז נאך געווייטאגט, אז דער נישט-יונגער זון פון איין חבר'טע איז נאכנישט קיין חתן, אבער איין וואך שפעטער איז ער, ברוך ה', א חתן געווארן!

די שמחה ביי אונז איז געווען מורא'דיג. יענעם זאת חנוכה האבן מיר זיך נאכאמאל צוזאמענגענומען צו זאגן הלל צוזאמען און דאנקען השי"ת מיט א גרויס שמחה.

איך האב דאס דערציילט פאר פיל מענטשן, וואס האבן נאכגעטון אונזער ביישפיל און דאן אליין געזען די געוואלדיגע רעזולטאטן!

מיינע קרובים האבן זיך גענויטיגט דאן אין 11 שידוכים, האבן מיר געבעטן אז אלע קרובים זאלן תענית אסתר, פורים, און שושן פורים זאגן א קאפיטל תהילים און ארויסזאגן מיט'ן מויל, "איך בין מוחל יעדן פון דער משפחה." 6 וואכן שפעטער האבן 5 שוין געטראפן זייער זיווג.

מיר בעטן ווייטער אויף שלום, מחילה און זיווגים ביי גאנץ כלל ישראל,, און דאס התעוררות זאל זיין א זכות פאר אלע וואס ווארטן שוין לאנג אויף שידוכים און שמחות.

---

תרע"ב, סק"ד. **9.** חת"ס. **10.** כדי לצאת שיטת הב"ח שהובא במ"ב סי' תרע"ו ס"ק ו' שיש חיוב לענות אמן על ברכות. **11.** וכתב ביוש"ה, דתקנת חכמינו ז"ל שתקנו לנו אמירת ההלל, עיקר כוונתם היתה אל ההודאה והשבח שיתן האדם באמירת מזמורים אלו להשי"ת, וע"כ נקרא הלל דהוא שבח והודאה, לכן יזהר האדם שיתן לבו ומחשבתו אל השבחים וההודאות הנזכרים במזמורים אלו, ולא יוציא התיבות בשפתיו ולבו בל עמו. **12.** עיין ערוה"ש סי' תכ"ב סי"ג דמי שאינו בקו הבריאות כראוי יכול לומר בישיבה, אע"פ שבשמו"ע טורח ועומד מ"מ בהלל לית לן בה, שהרי בלילי פסח קורין מיושב. **13.** ביה"ל סי' תכ"ב ס"ה וקורין. **14.** עיין מ"ב סי' תכ"ב ס"ק כ"ה דכיון ששהה מחמת אונס יש מחמירין. **15.** כמבואר בסי' קכ"ד ס"ח ובמ"ב סק"ל דזה בכלל אמן חטופה, ועיין כה"ח שם אות ו'. **16.** וגם לא יאמר בא"י למדנו חוקך דכן הדין בכל הדברים שאינם מעכבים בדיעבד. **17.** מ"ב סי' תרפ"ב בשם א"ר וכתבו הפוסקים דמי שטעה בדין שצריך לחזור להתפלל משום שלא אמר על הניסים ונזכר באמצע צריך להפסיק מיד ואפי' באמצע ברכה. **18.** דהוה הליכה לצורך התפילה דשרי עיין שו"ת באר משה ח"ג. **19.** אין להפסיק ולרמוז באמצע שמו"ע אפי' לצורך מצוה. **20.** ולא נחשב הפסק מה שלא אומרו במקומו ועיין ספר דע"ת סי' רצ"ד ובסי' תרפ"ב דה"ה אם אמר על הניסים לאחר ברכת הטוב שמך קודם שים שלום דיצא בדיעבד. **21.** עיין קצות השלחן סי 'מ"ז דאם טעה וסיים ועל כולם חוזר ומתחיל ועל הכל ואם נזכר לאחר בא"י של הטוב שמך יאמר למדנו חוקך ויתחיל על הכל. **22.** דתדיר קודם.

**כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת**
**הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170**